**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/24/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**סטעיטמענט פון גאווערנער האקול איבער מעיאר עדעמס'ס 'סטעיט אָוו די סיטי' רעדע**

"מעיאר עדעמס האט היינט פארגעלייגט א רייע פון אמביציעזע געדאנקען וואס וועלן פאראויס רוקן אונזער מיטגעטיילטע חזון פאר א מער אפאָרדעבעל, מער איינוואוינער-פריינטליכע און זיכערערע ניו יארק.

איך און דער מעיאר זענען ביידע פאראייניגט אין דעם קאמף צו לייזן אונזער אפארדעביליטי קריזיס דורכן פארגרעסערן די צאל הייזער וואס זענען דא. אז ווי מעיאר עדעמס האט געזאגט היינט: the די סיטי וויל מער הייזער — עס איז געקומען די צייט זיי צו לאזן בויען! איך בין פארפליכטעט צו קעמפן פאר לעגיסלאטיווע ענדערונגען אין אלבאני וואס וועלן אים ערלויבן צו טוהן גענוי דאס.

מעיאר עדעמס'ס קאנצענטראציע אויף די אנגעלעגנהייטן וואס ניו יארק'ס ארבעטנדע פאמיליעס שטייען אויס איז אויך לויבווערדיג. איך טייל מיט זיין זארג אז סאָושעל מידיע האט א נעגאטיווע השפעה אויף צופיל יונגע מענטשן, און עס דערפרייידט מיך אים צו זעהן אונטערנעמנדיג שריט צו באשיצן זייער גייסטישע געזונטהייט. דעם מעיאר'ס ארבעט צו מבטל זיין 2 ביליאן דאלאר אין מעדיצינישע חובות וועט אויך טוישן לעבנס פאר ניו יארקער פון די ארבייטער קלאס, און פינאנציעלע קאונסעלינג וועט העלפן פאציענטן אויסמיידן חובות לכתחילה.

מיר האבן אויפגעבויט א שטארקע, פרוכטבארע שותפות אין לויף פון די פאראגאנגענע צוויי יאר, ארבעטנדיג צוזאמען צו באקעמפן פארברעכן, בויען האוזינג און אדרעסירן דעם מיגראנטן קריזיס. ארבעטנדיג צוזאמען, וועלן מיר זיכער מאכן אז ניו יארק'ס צוקונפט איז לעכטיג."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן